**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/27/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול און MTA פארזיצער און CEO ליעבער לויבן העלדישע MTA ארבעטער ביים אפריל באָורד זיצונג**

***האוקול מאכט היסטאריע אלס ערשטע גאווערנער זיך צו באטייליגן ביי אן MTA באָורד זיצונג***

גאווערנער קעטי האוקול און מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט פארזיצער און CEO דזשענא ליעבער האט היינט אויסגעלויבט 18 העלדישע MTA ארבעטער פאר זייערע לעבנס-רעטנדע אקציעס אין זיך אפרופן צו דער שיסעריי ביי דער 36 סטריט סטאנציע אום דינסטאג, אפריל 12. די באלדיגע שריטן פון די 18 MTA ארבעטער האבן געהאלפן פארזיכערן די זיכערהייט פון פאסאזשירן בשעת דעם סאָנסעט פארק סאָבוועי אינצידענט. די צערעמאניע האט אפגעצייכנט דעם ערשטן מאל וואס אן אמטירנדע גאווערנער האט באזוכט אן MTA באורד זיצונג.

״דורכאויס די טראגישע שיסעריי וואס האט פאסירט אויפ׳ן סאָבוועי אום אפריל 12, האט איין מאן זיך גערישט אונז צו צוטיילן. אלס אפרוף האבן אונזערע MTA ארבעטער געשיקט א קלארע מעסעדזש: הייבט זיך נישט אן מיט ניו יארקער, ווייל אויב איר באפאלט איינע פון אונז, באפאלט איר אונז אלע,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די ארבעטער האט צוגעטרעטן אן קיין צווייפל צו טון אלצדינג וואס מעגליך צו באשיצן זייערע ניו יארקער מיט-בירגער, און היינט פארעהרן מיר זייער העלדישקייט. נאכאמאל און נאכאמאל זעען מיר ווי די העלדן פון דער MTA ארבעט גאנצע מעת לעת רואיגערהייט אינמיטן פון כאאטישקייט צו פארזיכערן אז ניו יארקער האבן ווירקזאמע און זיכערע טראנספארטאציע, און איך בין אויסטערליש דאנקבאר פאר אלע זייערע שווערע ארבעט און קוראזש.״

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט פארזיצער דזשענא ליעבער האט געזאגט,** ״א דאנק אייך גאווערנער האוקול פאר׳ן פארעהרן אונזערע MTA קאלעגעס פאר זייער ראלע אין זיך אפרופן צו דער אפריל 12 שיסעריי. טראץ די אלע טרענירונג וואס ארבעטער זענען דורכגעגאנגען קענט איר נישט אנהויבן צו שעצן וואס עס באדייט דורכצולעבן אזא פאסירונג ווי דער טראגישער אינצידענט ביז עס געשענט. אבער די בראווע MTA ארבעטער האבן צוגעטרעטן — אזוי ווי זיי טוען שטענדיג — אויפצופאסן אויף ניו יארקער און איינער דעם צווייטן. זיי פארטרעטן דאס בעסטע פון ניו יארק. עס איז זייער שווערע ארבעט וואס האלט אונזער סיסטעם אקטיוו טאג איין טאג אויס, אין רעגן, אין שניי, און אין אלע אומשטענדן — נאך דערצו אינמיטן א פאנדעמיע — 24/7, 365 טעג א יאר. זיי זענען דעם הארץ און נשמה פון דעם MTA, און מיר דאנקען זיי, היינט און יעדן טאג, פאר זייער סערוויס און טריישאפט.״

גאווערנער האוקול האט פרעזענטירט אנערקענונגען צו די פאלגענדע MTA ארבעטער:

דעיוויד ארטיס, באן אפערירער
רעיוועון העינס, קאנדוקטאר
דזשאסעף פראנטשי, באן אפערירער

דעיראן וויליאמס, קאנדוקטאר
ניאל מעגווייער, גענעראל סופעראינטענדענט
גילבערטא ראזאדא, באן סערוויס סופערווייזער
האזע מארטינעז, קאנדוקטאר
מארק וואלאדארסקי, ליניע סופעראינטענדענט
שיעלע הוטסאן, דיסטריקט קאסטומער סערוויס פארוואלטער
ראלאנדא הערנאנדעז, גרופע סטאנציע פארוואלטער
לואיס לאנפעיר, גרופע סטאנציע פארוואלטער
שאנטעי אדאמס, גרופע סטאנציע סופעראינטענדענט
אנדזשעל אקוואנדא, רייניגער, NYC טראנזיט אויטאריטעט
שארלין גארדנער, רייניגער, NYC טראנזיט אויטאריטעט
פיעטער סטאון, באן סערוויס סופערווייזער
טאניא ברענד-דזשאונס, דיגיטאלע קאמוניקאציעס, שטאב אנאליסט צוויי, דיגיטאלע קאמוניקאציעס איינהייט
אנני מאריסאן, דיגיטאלע קאמוניקאציעס, שטאב אנאליסט צוויי, דיגיטאלע קאמוניקאציעס איינהייט
טיילער שאו, דיגיטאלע קאמוניקאציעס, פארוואלטער, קאסטומער קאמוניקאציעס, דיגיטאלע קאמוניקאציעס איינהייט

ארטיס און העינס זענען געווען די **N** טרעין מאנשאפט מיטגלידער וועלכע האבן געהאלפן פאסאזשירן עוואקואירן דעם מאנהעטען-ריכטונג באן ביי דער 36 סטריט סטאנציע. פראנטשי און וויליאמס האבן געפירט א ברוקלין-ריכטונג **N** טרעין איין סטאנציע אוועק און אפגעשטעלט דעם **R** טרעין ביי דעם 25 סטריט סטאנציע צו פארזיכערן אז דער באן׳ס פארער פאלן נישט אריין אין א מסוכן׳דיגע מצב.

שאוי, מאריסאן, און ברענד-דזשאונס זענען מיטגליד פון דעם MTA׳ס דיגיטאלע קאמוניקאציעס איינהייט, וועלכע האבן זיך גיך אפגערופן צו דעם אינצידענט דורך צושטעלן קלארע סערוויס אינפארמאציע און זיי האבן געענטפערט א ריזן בארג קאסטומער פראגעס. ברענד-דזשאונס האט געשריבן דער ערשטער מודעה פאר דעם אינצידענט, און געהאלטן א רואיגן קאפ און אויסקלויבן די וויכטיגסטע סערוויס אימפאקט אינפארמאציע אזוי ווי מערערע צעמישטע באריכטן זענען אריינגעקומען.

הוטסאן, לאנפעיר, הערנאנדעז און אדאמס זענען געווען סטאנציע פארוואלטונג מאנשאפט מיטגלידער וועלכע האבן, נאכן געוואויער ווערן פון דעם אינצידענט, תיכף זיך געאיילט קיין 25 סטריט און דערנאך 36 סטריט אפצושאצן די אומשטענדן. זיי האבן צוגעשטעלט שטיצע פאר MTA ארבעטער ביי די צוויי סטאנציעס און קאארדינירט קאסטומער סערוויס ארויסצוהעלפן פארער וועמענס רייזע איז געשטערט געווארן דורך דעם פאסירונג. זיי האבן אויך ארויסגעהאלפן געזעץ אינפארסירער דורך שטעלן בלויע לאנטעכער ארום דער סטאנציע אויף צו ערמעגליכן פאר דער אויספארשונג פארצוקומען זיכערהייט.

סטאון איז א באן סערוויס סופערווייזער וועלכער איז געווען אין בעי רידזש ביים 95 סטריט סטאנציע ביי דער צייט פון דער פאסירונג. ער איז געגאנגען צו 36 סטריט תיכף, וואו זיין טיפע קענטעניס איבער די סטאנציע איז באוויזן געווארן צו זיין אומשאצבאר צום NYPD אין דער צייט וואס דער אויספארשונג איז דורכגעגאנגען. ער האט אויך אנגעוואנדן דעם האנט ברעיק אויף דעם באן פון דער פאסירונג כדי עס צו האלטן זיכער אין דער סטאנציע און זיך פארבינדן מיט טרעין מאנשאפטן זיכער צו מאכן אז וועלן וויסן אויסצולאזן 36 סטריט במשך דער צייט אפשניט פון דער פאסירונג און אויספארשונג.

אקוועדאו און גארטנער זענען געווען סטאנציע רייניגער אויף׳ן סצענע ביי דעם 36 סטריט און 25 סטריט סטאנציעס אזוי ווי דער אינצידענט איז פארגעקומען. זיי האבן רואיגערהייט מודיע געווען פאר בודקע אגענטן און זענען געווען פון די ערשטע ארבעטער זיך אפצורופן צום אינצידענט.

מעגווייער, ראזאדא, מארטינעז און וואלאדארסקי זענען געווען ביי דעם 38 סטריט יאַרד און זיך באלד געלאזט אין ריכטונג פון דער 36 סטריט סטאנציע נאך ערשטע באריכטן איבער דעם אינצידענט. אן צו קענען די פולקאמע איינצלהייטן פון דער צושטאנד און אן קיין צווייפל זענען זיי געווען פון די ערשטע MTA ארבעטער אנצוקומען אויף׳ן סצענע זיך אפצורופן. זיי האבן זיכער געמאכט אז אלע קאסטומערס אויף די אינצידענט באנען, ווי אויך די אויף אפגעהאלטענע באנען אויף דער זעלבער ליניע, האבן געקענט זיכערערהייט אפטרעטן פון באן.

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס האט געזאגט,** ״די דאזיגע ניו יארקער האבן געוויזן פאר דער וועלט דער באדייט פון אונזער שטאט: געמיינדע און אכט געבן איינער אויף׳ן צווייטן. עס קומט זיך א דאנק פאר די העלדן פאר זייער דינסט און דרייסטקייט יענעם אינדערפרי — א דאנק אייך איז קיין שום פאסאזשיר איבערגעלאזט געווארן, און אונזער שטאט גייט ווייטער אן טאג נאך טאג. א דאנק קומט זיך אויך צום גאווערנער און דעם MTA פאר אנערקענען די העלדן און זייער טריישאפט צו אונזערע ניו יארקער מיט-בירגער.״

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** ״אין צייטן פון קריזיס, קוקן זיך ניו יארקער אום איינער אויף׳ן צווייטן אן קיין קווענקלעניש. די בראווע MTA און ניו יארק סיטי טראנזיט ארבעטער זענע געלאפן צו דער סצענע פון טראגעדיע, תיכף ארויסבאגלייט מענטשן צו זיכערהייט און דערלאנגט טרייסטונג פאר די דירעקט אפעקטירט. זייער קוראזשפולע גייסט צייגט ווער מיר זענען אלס א סטעיט — א קאמיוניטי פון העלפער — און איך בין טיף דאנקבאר צו יעדע איינס פון די העלפער.״

**סטעיט סענאטאר לעראוי קאמרי האט געזאגט,** ״איך סאלוטיר די העלדישקייט, קוראזש און דינסט פון די MTA ארבעטער וועמען מיר אנערקענען היינט. אין א כאאטישע, לעבנס-דראענדע עמערדזשענסי, האבן זייערע דורכגעטראכטע שריטן באשיצט דעם פובליק און, איך האב קיין שום ספק נישט, ביישטייערט צו דעם פאקט אז זענען נישט געווען קיין שום טויטפעלער אין דעם שרעקליכן אנפאל. זיי האבן ווירקליך געלעבט די גייסט און אידעאלן פון פובליק דינסט אויף וואס מיר אלע שטרעבן, און פאר דעם זענען ניו יארקער באמת דאנקבאר.״

**סטעיט סענאטאר זעלנאר מיירי האט געזאגט,** ״MTA ארבעטער געבן זיך איבער אינגאנצן צו האלטן אונזער שטאט אויף׳ן אין באוועגונג יעדן טאג, און זייער העלדישקייט און דינסט אום אפריל 12 איז געווען אויסערגעוויינטליך. זיי פארטרעטן דאס סאמע בעסטע פון ניו יארק. עס איז מיר א כבוד זיי צו אנערקענען פאר זייער ראלע אין העלפן קאסטומערס אנקומען צו זיכערהייט און באשיצן אונזער סיסטעם טאג איין, טאג אויס.״

**סטעיט סענאטאר דזשאבארי בריספארט האט געזאגט,** ״איך שטאלציר מיך זייער צו זיין פון א קאמיוניטי וואס קען אונזער שטארקייט, און אונזער זיכערהייט איז געבויט אויף אונזער אנטשלאסנקייט זיך אכט צו געבן איינער אויף׳ן צווייטן. די דאזיגע MTA ארבעטער האבן פארקערפערט דעם גייסט אום אפריל 12׳טן און זיי זענען א קרעדיט פאר אונזער שטאט.״

**אסעמבלי-מיטגליד איימי פאולין האט געזאגט,** ״איך וויל דאנקען די העלדישע מענער און פרויען פון דעם MTA און ניו יארק סיטי טראנזיט וועלכע האבן זיך ווידעראמאל אפגערופן אין א צייט פון קריזיס. די ארבעטער זענען אריינגעשפרונגען אין אקציע אזוי ווי די טראגישע פאסירונגען זענען פארגעקומען און פילע פון זיי האבן זיך געאיילט צו דער 36 סטריט סטאנציע אן צו וויסן וואס עס ערווארט זיי. זיי האבן זיך

געהאלטן רואיג און אזוי ארום געהאלפן פארער און NYPD צוגלייך אזוי ווי די סטאנציע איז גיך פארוואנדלט געווארן אין א פארברעך סצענע. איך אפלאדיר זייערע העלדישע באמיאונגען און איך דאנק זיי אין נאמען פון אלע ניו יארקער.״

**אסעמבלי-מיטגליד מארסעלא מיטאינעס האט געזאגט,** ״מען דארף דאס ניטאמאל ארויסזאגן אז די MTA ארבעטער שפילן א קריטיש-וויכטיגע ראלע אין סערווירן און פארזיכערן אז אונזער שטאט ווערט ווייטער אנגעפירט יעדן טאג מיט זיכערהייט און אויפפאסונג. די ראלע וואס ארבעטער האבן געשפילט אויפ׳ן טאג פון דער 36 סטריט סטאנציע שיסעריי ווייזט נאר פאר יעדער ניו יארקער אז אונזער פובליק ארבעטער וועלן שטענדיג זיין גרייט אויף זעלבסטלאז פארזיכערן אז יעדע שכן, פריינט און קאָמיוּטער ווערן אפגעהיט פון שאדן. דער איינציגסטער וועג וואס מיר קענען ווירקליך ארויסדרוקן אונזער דאנקבארשאפט פאר זייער קוראזשפולע באמיאונגען איז דורך זיכער מאכן אז אונזער סטעיט פינאנצירט גענוג אונזער פובליק טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור, און פארזיכערן אז יעדע ארבעטער, אפגעזען זייער פאראנטווארטליכקייט און פליכט, באקומען די אויפפאסונג און באצאלונג וואס קומט זיך זיי ווי עס פאסט. מיר מוזן שטענדיג אינוועסטירן אין אונזער פובליק אינסטאנצן און אונזערע ארבעטער.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן